**Office of Children and Family Services**

ANDREW M. CUOMO
גאווערנאר

SHEILA J. POOLE
עקטינג קאמישאנער

Date
Re: Case ID:
Intake Stage ID:
Date of Intake:

Name
Address 2
Address 3
Address 4

לכבוד

דער בריוו איז אייך צו געבן די רעזולטאטן פונעם אויספארשונג אויף א באריכט פון פארדעכטיגטע קינד אביוז אדער מיסבאהאנדלונג וואס איז אויסגעפארשט געווארן דורך אייער לאקאלער טשיילד פראטעקטיוו סערוויסעס (CPS) אפיס. עס איז באשטימט געווארן אז דער באריכט איז "אומבאגרינדעט". דאס מיינט אז די CPS האט נישט געפינען קיין באווייזן וואס מען קען גלייבן (באגרינדעטע באווייזן) אז א קינד איז געווארן אביוז'ד אדער מיסבאהאנדלט.

אומבאגרינדעטע באריכטן ווערן  לעגאל פארזיגלט דורך די ניו יארק סטעיטווייד צענטראלע רעגיסטער פון קינד אביוז און מיסבאהאנדלונג (SCR). דאס מיינט אז די SCR וועט האלטן א רעקארד פון  אייער אומבאגרינדעטער באריכט , אבער אלע אינפארמאציע וועט ווערן געהאלטן אין געהיים און נישט מיטגעטיילט מיט קיין שום מענטש אדער ארגאניזאציע אויסער אין די זייער ווייניג אומשטענדן אין וועלכע די  סטעיט געזעץ ערלויבט דאס. א פארזיגלטע באריכט קען ווערן געמאכט אוועילעבל צום CPS אדער א סטעיט אגענטור וואס פארשט אויס א נייע באריכט פון קינד אביוז אדער מיסבאהאנדלונג וואס פארוויקלט דער באטרעפנדער (פארדעכטיגטער פארברעכער), דאס קינד קרבן, אדער געשוויסטער פונעם קינד. א פארזיגלטער אומבאגרינדעטער באריכט איז נישט אוועילעבל פאר ארבעטסגעבער אדער לייסענסינג אגענטורן.

פארזיגלטע באריכטן וועלן ווערן עקספאנדזשד, וואס מיינט פארניכטעט, צען יאר נאכן דאטום פונעם באריכט און וועט נישט זיין אוועילעבל פאר קיינעם אין קיין שום אומשטענדן. דאס פאסירט אויטאמאטיש און פארלאנגט נישט קיין שום שריט פון קיינעם.

ביטע באמערקט אז יעדע באריכט ווערט באהאנדלט באזונדער און דאס פארזיגלען דעם ספעציפישן באריכט וועט נישט באווירקן קיין שום אנדערע באריכטן אין וועלכע איר קענט זיין באטיטלט אלס א סובדזשעקט אדער אן אנדערן. דערפאר, אויב מען האט אייך פריער געמאלדן אז אן אנדערן באריכט איז געווארן "אינדיקעיטעד", דאן וועט יענע באריכט פארבלייבן אינעם SCR און נישט ווערן פארזיגלט. אויב איר באקומט סערוויסעס אלס רעזולטאט פון אן אנדערן באריכט, וועט דער געפינס נישט טוישן יענע סערוויסעס.

אויב האט איר סיי וועלכע פראגעס וועגן דעם בריוו, ביטע רופט 1-844-337-6298, צווישן 8 אינדערפרי און 5 נאכמיטאג, מאנטאג ביז פרייטאג, אויסגעשלאסן חגאות, אדער שרייבט צום סטעיט צענטראלע רעגיסטער (אדרעס געפינט זיך אונטן) און לייגט צו א קאפיע פון דעם בריוו אדער דער קעיס ID און סטעידזש ID אין אייער בריוו. די ID נומערן געפינען זיך ביים אויבערשטן רעכטן ווינקל פון דעם בריוו.

Sheila McBain, דירעקטאר
סטעיט צענטראלע רעגיסטער
אפטיילונג פון טשיילד וועלפעיער
און קאמיוניטי סערוויסעס

#111